# גורל מיינער

פלאַטער מער נישט ווי אַ יום־טובדיקע פּאַן.
אויפגעריסן פון אַ שטורעם איז מיין דאַך.
איידער נאָך עס קרייט דער ערשטער האָן
איז דער טאָג פון ווייַ שוין וואַך.

קול פון אומקום הער איך אינם ווינט.
איובס קלאָג, וואָס יאָמערט דור נאָך דור.
ווען איך בין געווען נאָך גאָר אַ קינד
אויפגעיאָמערט האָט שוין דאָן מיין וואָר.

נאָענט ביי דר'ערד, צווישן קעלער־ווענט
אויפגעוואַכט האָט מיין געשריי פון ערשטער שעה.
נאָר אַ צינד איז אויך שוין אַ מאַידאַנעק דאָ.
שטרעקן זיך פון דאָרט מיין מאַמעס הענט.

איידער נאָך עס קרייט דער ערשטער האָן
צינדן זיי זיך אָן...